**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/19/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול מעלדט פלאן פאר לאנג איילענד סאָוט-שאָר אויסגאס אפהיטונג**

***אלץ-ארומנעמענדע פארוואלטונג פלאן שטעלט צו א מדריך צו באשיצן וואסער קוואליטעט, לעבנס רעסאָרסן און פובליק באניץ אויף יארן אינעם צוקונפט***

***קומט גלייכצייטיג מיט קלימאט און נאציאנאלע עסטועריס וואך***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן דאס ארויסגעבן דעם 2022 'לאנג איילענד דרום בארטן עסטועריי רעזערוו אלץ-ארומנעמענדע פארוואלטונג פלאן' אפדעיט. דער פלאן פאקוסירט אויף איצטיגע פריאריטעטן וואס דער 'סאָוט שאָר עסטוּערי רעזערוו' שטייען אויס, ווי צ.ב.ש. קלימאט ענדערונג, ווידערשטאנד-פעאיגקייט, וואסער קוואליטעט, באשעפעניש וואוין-ערטער אויפריכטונג און דאס עפנטליכע באניץ פון דעם עסטועריי. דער ענדגילטיגער 2022 'לאנג איילענד דרום בארטן עסטועריי רעזערוו אלץ-ארומנעמענדע פארוואלטונג פלאן' אפדעיט [קען מען געפונען דא](). די מעלדונג איז אין צוזאמענהאנג מיט 'נאציאנאלע עסטועריס וואך' און קלימאט וואך.

"באשיצן לאנג איילענד'ס וואסער-וועגן און בארטנס איז קיינמאל נישט וויכטיגער געווען ווי אין דער דאזיגער צייט וואס מיר שטייען אויס די שטייגנדע און פרעצעדענטלאזע ווירקונגען פון קלימאט ענדערונג און רעגלמעסיגע דראונגען צו וואסער קוואליטעט און עקאלאגיש געזונט," **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** "איך בין שטאלץ אויסצומעלדן דעם אלץ-ארומנעמענדן פארוואלטונג פלאן פאר'ן 'סאָוט שאָר עסטוּערי רעזערוו', וואס איז א רייכע און פילמיניגע עקא-סיסטעם וואס פארזארגט נישט בלויז הויפט בענעפיטן צו לאנג איילענד'ס עקאנאמיע, פארוויילונג און טוריזם, נאר גרייט אויך צו ניו יארק פאר אן ענדערנדע קלימאט."

דער 2022 'לאנג איילענד סאוט שאר עסטועריי רעזערוו אלץ-ארומנעמענדע פארוואלטונג פלאן' (CMP) אפדעיט פארזארגט קאמיוניטיס און פאראינטערעסירטע פארטייען מיט א וועגווייזער פאר פארוואלטן, באשיצן, און אויפריכטן די סאָוט-שאָר'ס ווערדפולע רעסאָרסן און די עסטועריי עקאנאמיע און גלייכצייטיג אדרעסירן ווידערשטאנד-פעאיגקייט פון דעם 'סאוט שאר עסטועריי' ביז אריין אינעם צוקונפט. דער 'סאוט שאר עסטועריי רעזערוו' (SSER), אנגעפירט דורכ'ן ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אָוו סטעיט, איז עטאבלירט געווארן אין 1993 דורך דעם 'סאוט שאר עסטועריי רעזערוו אקט' וואס האט פארלאנגט די באשיצונג און בארעכנטע פארוואלטונג פון לאנג איילענד'ס סאוט-שאר איינגאס ערטער און העכערע שטחים וואס גיסן זיך אריין אין זיי. דער SSER ברענגט צונויף סטעיט און ארטיגע רעגירונג אינסטאנצן, נאנפראפיט ארגאניזאציעס, אקאדעמיע, ארטיגע ביזנעס אינטערעסן און דעם פובליק אפצוהיטן, באשיצן און פארבעסערן די נאטורליכע, פארוויילונגס, עקאנאמישע און בילדונגס רעסאָרסן פון דעם SSER.

דער SSER פיגורירט ריזיגע שטרעקעס פון זאמדיגע ביעטשעס, פילצאליגע מערינעס, און א שפע פון פארקס און נאטור פרעזערוון וועלכע פארזארגן געלעגנהייטן צו שווימען, שיפלען, פישכאפן, הייק'ען,

אבזערווירן דער באשעפעניש-ווּעלט און זיך אפרוען. דער געגנט איז דער וואוין-ארט פאר 1.5 מיליאנען מענטשן, און דער SSER איז אן אנקער פאר לאנג איילענד׳ס טוריזם, ים-מאכלים, און פארוויילונגס אינדוסטריעס. דער רעזערוו ציעט זיך איבער די דרום טיילן פון נעסאוי און סופאלק קאונטיס און רעכנט אריין: די שטאט לאָנג ביעטש; טיילן פון די טאונס העמפסטעד, אויסטער בעי, באבילאן, אייסליפ, ברוקהעיווען און סאוטעמפטאן; און 28 ווילעדזשעס.

**סטעיט סעקרעטאר ראבערט דזשעי. ראדריגעז האט געזאגט,** ״דער פלאן איז נייטיג פאר די צוקונפטיגע פארוואלטונג, באשיצונג און אויפריכטונג פון די ארטיגע עסטוערי עקא-סיסטעמען און די אומגעהויערע סערוויסעס וואס זיי שטעלן צו צו לאנג איילענד קאמיוניטיס. לאנג איילענד׳ס וואסער-וועגן זענען די לעבנס-חיות פון זייער עקאנאמיע, און דערפאר איז העכסט-נייטיג אפצוהיטן איינע פון איר טייערסטע און באליבטסטע נאטורליכע אוצרות. יעדעס יאר, פארזארגט דער ׳סאוט שאר עסטוערי׳ א שפע פון פארוויילונגס און עקאנאמישע געלעגנהייטן צו מיליאנען איינוואוינער און טוריסטן, און טאקע דערפאר דארפן מיר עס באשיצן. דער גע׳אפדעיט׳עטע אלץ-ארומנעמענדע פארוואלטונג פלאן וואלט נישט מעגליך געווען אן די שווערע ארבעט און געטרייעשאפט פון אונזערע געוואלדיג גוטע צוזאמארבעטער אויפ׳ן ׳סאוט שאר עסטוערי רעזערוו קאונסיל׳, צו וועם מיר זענען זייער דאנקבאר.״

**ניו יארק סטעיט פארקס קאמיסיאנער עריק קולעסייד האט געזאגט:** ״דורכאויס דעם וויכטיגן וואך פאר די צווישן אונז וועלכע זענען פארליבט אין די אפנלופטיגקייט, לויב איך דעם פלאן פאר אפטורופוס׳שאפט פון לאנג איילענד׳ס סאוט שאר. דאס ערמעגליכן פאר׳ן ציבור צו ניצן, צוקומען און געניסן פון בייטייכן און ברעג-ליניעס איז קריטיש-וויכטיג און פלאנירן וועט פארזיכערן פאזיטיווע רעזולטאטן אויף ווייטער.״

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע קאמיסיאנערין מארי טערעסע דאמינגעז האט געזאגט,** ״אזוי ווי ניו יארק אונטער גאווערנער האוקול׳ס פירערשאפט ארבעט צו פאראויס-פירן אונזער קאמף קעגן די ווירקונגען פון קלימאט ענדערונג, שפילט דער סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע א וויכטיגע ראלע אין בויען ווידערשטאנד-פעאיגקייט אין אונזער אינפראסטרוקטור און גלייכצייטיג פארשטערקערן די שטאנדהאפטיגקייט פון אונזער ענווייראָנמענט.  דער אלץ-ארומנעמענדער סאוט שאר פארוואלטונג פלאן איז איינס אזא אופן וואס מיר ארבעטן מיט אונזערע צוזאמארבעטער אויף אלע שטאפלען צו באשיצן אונזער ענווייראָנמענט, און גלייכצייטיג בויען ווידערשטאנד-פעאיגקייט פאר צוקונפטיגע דורות.״

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג קאמיסיאנער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** ״לאנג איילענד׳ס ׳סאוט שאר עסטוערי׳ איז א צענטראלע בריליאנט שטיין אין ניו יארק׳ס נעץ פון מאַרין וואסער-וועגן, באהעפטנדיג ווערדפולע באשעפעניש וואוין-ערטער צו קאמיוניטיס און ביזנעסער וועלכע געניסן פון ניו יארק׳ס מאַרין רעסאָרסן. DEC וועט ווייטער ארבעטן אינאיינעם מיט גאווערנער האוקול, דעם דעפארטמענט אָוו סטעיט, און פילע אנדערע צוזאמארבעטער מיט דעם ׳סאוט שאר עסטוערי רעזערוו׳ צו שטיצן געמיינזאמע צילן אין דעם לאנד-וועגווייזיגן קלימאט אקט אויף צו באשיצן און אפהיטן ווערדפולע באשעפעניש וואוין-ערטער און ים באשעפענישן.״

**סופאלק קאונטי עקזעקיוטיוו סטיוו בעלאון האט געזאגט,** ״די פארענדיגונג פון דעם נייעם פלאן פאר דער ׳סאוט שאר עסטוערי׳ איז ווידער א באדייטנדע טריט פאראויס אין אונזערע באמיאונגען צו פארבעסערן וואסער קוואליטעט אין לאנג איילענד׳ס סאוט שאר איינגאס ערטער. סופאלק קאונטי איז דאנקבאר פאר די שטארקע פירערשאפט וואס ניו יארק סטעיט האט צוגעשטעלט, און קוקט ארויס צו ארבעטן מיט אונזערע צוזאמארבעטער אין רעגירונג זיכער צו מאכן אז אונזערע ברעגע וואסערן זענען ריינער און זענען גרייט פאר׳ן פולשטענדיג געניסן דורך צוקונפטיגע דורות.״

**דער טאון באבילאן סופערוויייזער ריטש שעיפער האט געזאגט,** ״די ׳סאוט שאר עסטוערי׳ האט אומגעהויערעקאנאמישע און סאציעלע וויכטיגקייט צום טאון באבילאן און דעם סטעיט אין אלגעמיין. דער CMP אפדעיט וועט העלפן פארזיכערן אז דער עסטוערי איז באשיצט פאר די קומענדיגע דורות.״

**דער טאון העמפסטעד סופערוויזער דאנעלד קעלווין זשוניאר האט געזאגט,** ״דער לאנג איילענד ׳סאוט שאר עסטוערי רעזערוו׳ איז דער וואוין-ארט פאר א רייכע פארשידנארטיגע פארזאמלונג פון ענווייראנמענטאלע פילפארביגקייט, און טוט באדייטנדביישטייערן צום טעפעך פון אונזער טאונס אייגנארטיג בארטן נאטור געגנט. דער טאון העמפסטעד וועט ווייטער ארבעטן מיט אונזערע צוזאמארבעטער ביי אלע שטאפלען פון רעגירונג אויף צו פארזיכערן אז אונזערע סאוט שאר סביבות ווערן אפגעהיטן פאר פילע קומענדיגע דורות. די מוניציפאלע ענווייראנמענטאלע אפטורופוס׳שאפט רעכנט אריין דאס איינשפאנען די כוחות פון אונזער טאונס איבערגעגעבענע קאנסערוועישען מאנשאפט, און בלייבן אין רעגלמעסיגע פארבינדונג מיט קאנסערוועישען ארגאניזאציעס און אנדערע אגענטורן באאויפטראגט מיט ענווייראנמענטאלע באשיצונג דא אויף לאנג איילענד.״

**דער טאון סאוטעמפטאן סופערוויייזער דזשעי שניידערמאן האט געזאגט,** ״דער טאון סאָוטעמפטאן שטיצט פולשטענדיג דעם 2022 ׳לאנג איילענד סאוט שאר עסטוערי רעזערוו אלץ-ארומנעמענדע פארוואלטונג פלאן׳, וויבאלד עס אדרעסירט קריטיש-וויכטיגע וואסער קוואליטעט פארבעסערונגען, עקא-סיסטעם ערהוילונג, קלימאט ענדערונג און ברעגע ווידערשטאנד-פעאיגקייט געברויכן אין אונזער ראיאן. דער פלאן איז אן אויסגעצייכנטער, וויבאלד עס שטעלט צו פאר ארטיגע רעגירונגשאפטן, לאנד-שטח פארוואלטער, פארשער און אנדערע פאראינטערעסירטע פארטייען מיט די הילפס-מיטלען און געצייג נייטיג אויף צו דערגרייכן די ענדע-צילן. נעמענדיג אין באטראכט די שוועריגקייטן וואס דער דעפארטמענט פון סטעיט (DOS) שטייט אויס, טוט דער טאון אפלאדירן דעם DOS פאר די פארמאטערנדע באמיאונגען וואס ווערן געמאכט אויסצופירן די צילן און קוקט ארויס אנצוהאלטן ווייטער די צוזאמארבעט מיט׳ן סטעיט און מיט אונזערע פארשידענע מיטארבעטער אין איינפירן דעם העכסט-היסטארישן און ווערדפולן פלאן.״

**דער ברוקהעיווען טאון סופערוויזער עד ראמעין האט געזאגט,** ״אלס א מיטגליד פון דעם ׳סאוט שאר עסטוערי רעזערוו קאונסיל׳, בין איך ספעציעל באקאנט מיט די ענווייראנמענטאלע שוועריגקייטן וואס מיר שטייען אויס אויף לאנג איילענד. קלימאט ענדערונג האט נייטיג געמאכט אוועקצושטעלן וועגווייזונג ראמען און אן אקציע פלאן וואס שטעלט צו פשוט-פארשטענדליכע לייזונגס-מיטלען פאר׳ן צוקונפט. וואס מיר טוען היינט אויף צו באשיצן און אפהיטן אונזער ענווייראָנמענט וועט אפעקטירן דער עסטוערי און אלע אונזערע וואסער-וועגן פאר די קומענדיגע דורות.״

**דער טאון אייסליפ סופערוויייזער אנדזשי קארפענטער האט געזאגט,** ״אייסליפ איז אן ארט פון פילע הערליכע וואסער-וועגלעך, איינגאסלעך, נאטורליכע וואוין-ערטער און אייגנשאפטן וועלכע זענען ריכטיגע אוצרות פאר אונזער טאון און איינוואוינער. עס איז אונזער חוב, אלס גוטע אפטורופסים פון אונזער ענווייראָנמענט, צו נעמען ווייטערדיגע שריטן פאר׳ן אפהיטונג פון די נאטורליכע שיינקייט. דער ארומנעמיגער פארוואלטונג פלאן צילט צו טון געגנוי דאס, און וועט ארבעט זיכער צו מאכן אז די נייטיג באשעפעניש וואוין-ערטער ווערן אפגעהיטן פאר אונזערע קינדער, אייניקלעך און די קומענדיגע דורות.״

**דירעקטאר פון קלימאט צופאסונג ביי דער ׳נאטור קאנסערוואנסי פון ניו יארק׳ אליסאן בראנקא האט געזאגט,** ״דער נאטור קאנסערוואנסי איז צופרידן זיך אנצושליסן מיט ניו יארק סטעיט און ארטיגע קאמיוניטיס אין אפצייכענען דעם 2022 אפדעיט צום ׳לאנג איילענד סאוט שאר עסטוערי רעזערוו אלץ-ארומנעמענדע פארוואלטונג פלאן׳. במשך די לעצטע 20 יאר, איז קלאר געווארן אז קלימאט ענדערונג אפעקטירט אלעס און יעדן אין דער ׳סאוט שאר עסטוערי׳. דער גע׳אפדעיט׳עטע פלאן טוט איינגלידערן

יענע פארשטאנד און פארזארגט נייע אנווייזונגען אויף וויאזוי צו באשיצן, אויפריכטן, און פארוואלטן דעם קריטיש-וויכטיגן רעסאָרס. מיר לויבן דעם דעפארטמענט פון סטעיט פאר זייער אנגייענדע אנטשלאסנקייט צו די מענטשן און פאר'ן באשעפעניש-וועלט פון לאנג איילענד."

**עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון 'סיטיזענס קאמפיין פאר דע ענווייראָנמענט' עדריענע עספאסיטא האט געזאגט,** "לאנג איילענדער זענען פארליבט אין אונזערע ביעטשעס, איינגאסלעך און האוונס. אויפריכטן די נאטורליכע אוצרות איז קריטיש-וויכטיג צו אונזער לעבנס-קוואליטעט און אונזער ארטיגער עקאנאמיע. די גוטע נייעס איז אז מיר מאכן פארשריטן! מיר האבן באשיצט סענסיטיווע וועטלענדס, אינסטאלירט פיש לייטערס, געשאפן נייע אויסטער ריפן, געשטיצט קעלפ פארמעריי און מיר פילטערן ארויס פארפעסטיגטע שטורעם-וואסער איידער עס קומט אריין אין דער וואסער ענווייראָנמענט. איצט מוז מיר זיך נעמען צו די נייע שוועריגקייטן און דראונגען, אריינגערעכנט די הויכע מאס נייטראָדזשען אין אונזערע איינגאס ערטער פון מיסט-וואסער, שעדליכע אלדזשי צוויטן, כסדר-מערנדע פלאסטיק פארפעסטונג און קלימאט ענדערונג אימפאקטן ווי אקעאן אצידיפיקאציע און שטייגנדע ים הויכקייטן. דער נייער פלאן שטעלט צו א נייטיגע ראוד-מאפע אין אויפריכטן און באשיצן אונזער באליבטע 'סאוט שאר עסטוערי רעזערוו'. א דאנק אייך, ניו יארק סטעיט סעקרעטאר פון סטעיט ראדריגעז און די שווער-ארבעטנדע שטאב ביי דעם ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון סטעיט פאר זייער איבערגעגעבנקייט אין אויפריכטן אונזערע איינגאס ערטער."

**ראב וועלטנער, פרעזידענט פון אפערציע SPLASH, האט געזאגט,** "אלס אן ארגאניזאציע וואס גיבט אויס פיל פון איר צייט און באמיאונג דארט אין דעם 'סאוט שאר עסטוערי רעזערוו', זענען מיר ערשט-האנטיג די פילע פאזיטיווע ענדערונגען וואס זענען געברענגט געווארן צו איר שפע פון וואסער-וועגן, זאלצבאדנס און ביעטשעס ניצנדיג דעם ארומנעמיגן פארוואלטונג פלאן אלס א וועגווייזער. מיר קענען זיך נאר פארשטעלן וויפיל בעסער דער SSER וועט ווערן פאר אונז אלע "אינזל איינוואוינער" דורכ'ן ניצן דעם נייעם גע'אפדעיט'עטן CMP אינאיינעם מיט דאס געמיינזאמע צוזאמארבעט דורך אונז אלע אויף צוריקצוברענגען די איינגאס ערטער."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418